# תורת אביגדור

באידיש

## הגאון ר' אביגדור מיללער זצ"ל

ספר בראשית נתנדב
**לזכות אברהם יצחק יקותיאל בן אסתר פריידל**

## פרשת תולדות

# אנערקען דיין ראלע

**פרנס השבוע**

נתנדב ע"י
הרה"ח **ר' צבי** (הערשי) **מארטאן** הי"ו
לכבוד ידידי החשוב העוסק בצרכי ציבור באמונה הזוכה ומזכה את הרבים
**הרבני הנגיד ר' מרדכי וואלהענלער הי"ו**

•••

זיכוי הרבים יעמוד לכל הנדבנים החשובים, ומשתתפים בהדפסה, והפצה,
שיזכו לראות רב נחת מכל יוצ"ח ולהתברך בכל מילי דמיטב.

לימוד "תורת אביגדור" מוקדש לע"נ האי גברא רבא,
איש יקר מאוד נעלה, רודף צדקה וחסד בכל נימי נפשו,

**הרה"ח המפואר מו"ה ר' מיכאל משה יהודה**
**ב"ר יצחק ישכר מנחם מנדל זילבערבערג**
**ע"ה**

הוא הגבר מוליך ומביא כמה שנים, מידי שבוע בשבוע, מבית מדרש לבית מדרש להפיץ הגליונות "תורת אביגדור" אידיש ואנגליש, ועוד כמה גליונות חשובות בחפץ לב, במטרה להרבות כבוד שמים.

בעת **שמחה** ווען איר ווילט ארויסווייזן אייער **הכרת הטוב** פאר השי"ת,
אדער ווען איר נויטיגט זיך אין א **ישועה,**

**ניצט אויס די כח פון מזכה זיין און טוהן חסד מיט הונדערטער**
**אידן ארייניצוברענגען אין זיי חיות און דעת**

זייט מנדב 5000 תורת אביגדור'ס פאר בלויז $600 א וואך

**צו מנדב זיין די הפצה אין**
**בארא פארק רופט: 347.451.0332**
אימעילט: Director@torasavigdor.org
פאר סיי וועלכע אנדערע פראגעס ביטע רופט: 732-844-3670 x103

**צו מנדב זיין די הפצה אין וויליאמסבורג**
**רופט: 929.236.6802**

**צו מנדב זיין די הפצה אין קרית יואל**
**רופט: 845.213.7571** לאזט א מעסעטשט

לויט וויפיל געלט אזויפיל קאפיס קענען מיר מאכן
**נאך א תורת אביגדור, נאך א נשמה באגייסטערט!**

בעריכה מיוחדת
גליונות לשבת קודש

© Copyright 2021 by: *TorasAvigdor.org*

**Email:** Director@torasavigdor.org | **Telephone:** 347.451.0332
**Address:** 1276 50th street, Brooklyn NY 11219

# פרשת תולדות
שנה ג׳

# אנערקען דיין ראלע

## תוכן:

חלק א. עשו׳ס טעות - חלק ב. עשו׳ס ראלע - חלק ג. פארשטיין ראלעס

## חלק א. עשו׳ס טעות

### די נבואה ווערט מקוים

ווען רבקה אונזער מאמע האט באקומען די נבואה פון באשעפער מיט די בשורה טובה אז זי גייט געבוירן א צווילינג, צווישן די זאכן וואס דער באשעפער האט איר געזאגט זענען געווען דריי קורצע ווערטער וואס וועלן דעצידירן דעם גאנג פון די געשיכטע: **וְרַב יַעֲבֹד צָעִיר** - דער עלטערער וועט דינען דעם יונגערן (תולדות כה:כג). דאס איז די נבואה וואס רבקה האט באקומען נאך איידער יעקב און עשו זענען געקומען אויף די וועלט.

עס זענען דא אזעלכע וואס פארשטייען די ווערטער פשוט; ווייל עשו וועט זיין א רשע דערפאר וועלן זיינע קינדער, דאס פאלק פון אדום, זיין געצוואונגען צו זיין אונטערטעניג צו דער עם ישראל.

דאס איז טיילווייז ריכטיג - אז עשו׳ס אייניקלעך וועלן דינען די קינדער פון יעקב איז זיכער געווען אריינגערעכנט אין די ווערטער ורב יעבד צעיר. עס האט אזוי פאסירט אין די היסטאריע פון אונזער פאלק נאכאמאל און נאכאמאל אז די נבואה איז מקוים געווארן. אין די טעג פון דוד המלך איז ער ארויסגעגאנגען מיט זיין ארמיי צו איינעמען אדום און פאר פיל יארן דערנאך איז דאס פאלק - דאס לאנד אדום - פארבליבן אונטערגעווארפן צו צאלן שטייערן פאר די אידן; זיי זענען באצוואונגען געווארן צו זיין קנעכט אונטער דאס אידישע פאלק.

און שפעטער, אין די טעג פון בית שני, איז די נבואה ווידעראמאל מקוים געווארן. יוחנן הורקנוס, איינע פון די מלכים פון בית חשמונאים, האט איינגענומען אדום און זיי געצוואונגען זיך צו מגייר זיין און זיך מל׳ן און ווערן קנעכט צום מלכות בית חשמונאי.

אלזא, עס איז נישט קיין ספק אז די רייד פון נבואה וואס איז געזאגט געווארן פאר רבקה האט אויך דאס געמיינט. עשו וועט דארפן זיין יעבד צעיר; ער וועט מוזן אריינגיין אין קנעכטשאפט אונטער זיין יונגערער ברודער.

## א רשע פון געבורט?

און דאך, איז דא עפעס אינטערעסאנט אין דעם ווייל מיר ווייסן אז ווען דער באשעפער האט געזאגט פאר רבקה אז "דער עלטערער וועט דינען דעם יונגערן," האט עשו נאך גארנישט געהאט געטון שלעכט - ער איז נאך אפילו נישט געווען געבוירן! א מענטש וואס מען האט אים נאכנישט געגעבן א בחירה ווי אזוי זיך צו פירן זאל שוין ווערן באשטראפט מיט קנעכטשאפט אויף זינד וואס ער האט נישט געטון?! עס קען נישט זיין!

מיר ווייסן שוין געוויסע זאכן וואס מ'האט אונז געלערנט נאך אלס קינד, צום ביישפיל די אגדתא (רש"י כה:כב) אז ווען רבקה איז פארביי א בית עבודה זרה האט עשו אנגעהויבן צו רודערן, ער האט שוין געוואלט ארויסגיין און אריינלויפן אהין. און דערפאר זעט אונז אויס אז שוין פון גאנץ אין אנהייב איז עשו געווען אן עובד עבודה זרה. אזוי ווערן אויך געמאלן די קינדער ביכער; א בילד פון עשו ווי א רשע ארומגענומען מיט געווער פאר מלחמה.

מיר דארפן אבער וויסן אז עס איז נישטא אזא זאך ביים באשעפער אז א מענטש זאל באטיטלט ווערן אלס רשע שוין ביים געבורט. דאס איז נישט קיין תורה'דיגע השקפה. לויט די תורה באקומט יעדער מענטש א נייע געלעגנהייט ווען ער ווערט געבוירן; ער האט נישט קיין שום זינד אויף זיין קאפ. ער הייבט אן זיין לעבן פון ניי מיט א ריינער בלאט און פול מיט געלעגנהייטן פון פרייע בחירה; אן אייגענער אויסוואל צו ווערן א צדיק אדער חלילה פארקערט.

און דאס איז אזא יסודות'דיגע ווארהייט, אז צו מאכן אן אויסנאם - אפילו אין פאל פון עשו - איז באמת קעגנגעזעצט מיט די אמונה. אויב לערנט מען אפ די תורה אויף דעם אופן, מיינט עס אז מען איז זיך סותר מיט די יסודות פון די תורה.

## עשו'ס באהאלטענע פערזענליכקייט

אייגנטליך איז עשו געווען פיל בעסער ווי איר שטעלט זיך פאר. דער אמת איז אז אויב עשו וואלט דא אצינד אריינשפאצירט, וואלטן מיר זיך אויפגעשטעלט פאר אים מיט כבוד. אלזא, איך בין נישט אינטערעסירט דא צו קומען מלמד זכות זיין אויף עשו אבער מיר דארפן וויסן דער אמת פון די תורה און דער אמת איז אז עשו איז געווען זייער גרויס. איך ווייס אז מענטשן וועלן לאכן ווען זיי וועלן דאס הערן אבער איך ווייס דאס פון מיין רבי זכרונו לברכה. עשו איז אויפגעוואקסן אין הויז פון יצחק און רבקה! ער איז אויפגעוואקסן אויפ'ן שויס פון זיין זיידע אברהם אבינו! ער איז נישט געווען עפעס א גארנישט. ווייט דערפון!

רבן שמעון בן גמליאל האט געזאגט (בראשית רבה סה), "איך האב קיינמאל נישט געקענט דערגרייכן צו די גרויסקייט פון געבן כבוד פאר מיין טאטן ווי עשו האט מכבד געווען יצחק."

ווען עשו האט געוואלט אריינגיין צו זיין טאטן האט ער זיך אנגעטון זיינע בגדיו החמודות, זיינע יום טוב'דיגע מלבושים. שטעל זיך פאר דו ווילסט גיין צו דיין טאטן אים בעטן געלט, די שטיצע וואס ער געבט דיר, און דו טוסט זיך אן דיינע בגדי יום טוב, און דו טוסט דאס צוליב די סיבה ווייל דו ביסט מכבד דיין טאטן און נישט ווייל דו פראבירסט זיך צו געפעלן פאר אים - ווייל דו מיינסט עס אמת'דיג.

ווען רבן שמעון בן גמליאל האט געדארפט באדינען זיין טאטן האט ער אזוי געטון, נישטא קיין ספק אין דעם, אבער פאקטיש איז עס זייער שווער ווען דו דארפסט עטליכע מאל א טאג ערלעדיגן זאכן פאר דיין טאטן און דו דארפסט זיך יעדן מאל איבערטון צו דיינע שבת'דיגע קליידער, יעדן מאל ער רופט דיר. עס פאדערט אסאך געטריישאפט, אסאך גוטע מידות, צו טון אזא זאך. אבער עשו האט עס געטון - האט ער קיינמאל נישט אריינשפאצירט צו זיין טאטן אן זיך צו איבערטוישן צו שענערע מלבושים. און אויב

זיין טאטע האט אים געדארפט האבן פיל מאל אין א טאג - ביי יעדן מאל האט עשו נישט געוואוסט אויב עס וועט זיין נאך א געלעגנהייט - ער האט זיך יעדן מאל איבערגעטוישט זיינע בגדים. און דאס איז בלויז איין ביישפיל פון וואס עשו איז געווען. עשו איז געווען א מענטש מיט א געוואלדיגער פאטענציאל צו אויסוואקסן זייער גרויס.

## פארוואס געצוואונגענע קנעכטשאפט?

און דערפאר דארפן מיר איבערטראכטן וואס איז דאס וואס דער נביא האט געזאגט פאר רבקה אין יענעם טאג. מיר קענען נישט אפלערנען 'ורב יעבד צעיר' אלס א שטראף און זאגן אז ווייל עשו איז געבוירן געווארן א רשע דערפאר איז ער באשטראפט געווארן צו דארפן דינען זיין יונגערן ברודער. עשו וואלט געקענט אויסוואקסן זייער גרויס! ער וואלט געקענט אויסוואקסן פונקט ווי זיין ברודער יעקב.

דערפאר, וואס מיינט עס יא אז דער עלטערער וועט דארפן דינען דעם יונגערן? וואספארא סארט דינסט מיינט עס, אויב עשו האט געהאט די בחירה צו זיין א צדיק גמור, אן אמת'ער ערליכער מענטש און לעבן אן ערפאלגרייך לעבן?

## עשו'ס אמת'ער תפקיד

און דער ענטפער איז אז די נבואה האט פאראויסגעזאגט עשו'ס ראלע אין די געשיכטע, ווי אזוי עשו וועט אנקומען צו זיין תפקיד אין זיין לעבן. עשו'ס שלימות אין לעבן האט געדארפט זיין צו דינען אלס געהילף צו יעקב צו אויפטון גרויסע זאכן אויף די וועלט. און כאטש עשו וועט נישט שטיין אין שפיץ, וועט ער נאך אלץ קענען פירן א ריכטיגע ערפאלגרייכע לעבן אויב וועט ער אנערקענען זיין ראלע. דאס איז וואס דער נביא האט געזאגט פאר רבקה: ורב יעבד צעיר - די ראלע פון עשו, די הצלחה פון עשו, איז צו העלפן יעקב ערפילן זיין תפקיד אויף די וועלט; "און דער יונגערער וועט דינען דעם עלטערן," איז געווען א הימלישע הדרכה פאר עשו צו פארשטיין זיין תפקיד אויף די וועלט און אויב וואלט ער מסכים געווען צו ערפילן אט די ראלע וואלט ער געקענט שאפן א גענצליך אנדערע היסטאריע.

ווי טרויעריג איז דאס אז א מענטש מיט אזא פאטענציאל, אזעלכע כוחות און טאלאנטן, זאל פארלוירן גיין בלויז דערפאר ווייל ער וויל נישט אננעמען זיין ראלע. אויב עשו וואלט ריכטיג אויסגעפירט זיין ראלע וואלט ער גארנישט ווייניגער מצליח געווען ווי יעקב אבינו. אויב וואלט ער גענוצט די טאלאנטן וואס ער האט באקומען - זיין היציגקייט, זיין גבורה - צו העלפן יעקב, וואלט ער אויסגעוואקסן גרויס, גארנישט ווייניגער ווי יעקב אבינו. ער וואלט זיך יעצט געפונען אין עולם הבא, זיצנדיג נעבן זיין יונגערער ברודער, נעבן יצחק און אברהם און אלע צדיקים.

## א טראגישע ענדע

אבער ליידער האט עשו נישט געוואלט אנערקענען זיין פלאץ. ער האט געוואלט זיין דער פירער! "איך בין אין שפיץ אדער בין איך אינדרויסן פון דא." דערפאר, ווען ער האט געזען אז די ברכות זענען געגעבן געווארן צו זיין יונגערער ברודער, ער האט אצינד געזען אז די נבואה פון, "און דער עלטערער זאל דינען דעם יונגערן," הייבט אן צו מקוים ווערן, האט ער עס נישט געקענט פארנעמען! "איך זאל זיין אונטערגעווארפן צו יעקב?!" האט עשו געזאגט, "איך וויל נישט הערן קיין מעשיות פון זיין א העלפער; צו ווערן גרויס דורכ'ן זיין אין צווייטן שטאפל!"

וואס האט פאסירט? **וַיֵּלֶךְ אֶל אֶרֶץ מִפְּנֵי יַעֲקֹב אָחִיו** - ער איז אוועקגעגאנגען צו אן אנדער לאנד צוליב זיין ברודער יעקב (בראשית לו:ו). ער האט געפילט אז ער קען פשוט נישט פארבלייבן אין די זעלבע לאנד וואו זיין ברודער איז דער פירער, און ער איז באגאנגען די אומפארגעבליכע זינד פון פארלאזן זיין

משפחה, ווייל ער האט נישט געקענט דערהייבן צו זיין אין צווייטן שטאפל. ער איז אנטלאפן פון זיין ראלע און דאס איז געווען דער מכה בפטיש, דער לעצטער קלאפ וואס האט חרוב געמאכט עשו און זיינע דורות אויף שטענדיג.

דער אמת איז אז דאס הארץ בלוטיגט - עס איז ווירקליך די געפערליכסטע טראגעדיע. עשו וואלט געקענט האבן א קיום. קיינער האט אים נישט פארשיקט. שטעלט זיך פאר וואס וואלט געווען אויב וואלט ער מקבל געווען זיין ראלע! ווי אנדערש וואלט זיך אויסגעשטעלט די וועלט'ס היסטאריע! ער וואלט געווען אן אפטער באזוכער ביי אונז, אויב וואלט ער געוואוינט אפאר גאסן אוועק אדער א מייל ווייט, און מיר וואלטן געארבעט צוזאמען אין עבודת ה'. אבער אצינד איז ער אינגאנצן פארשניטן. ער האט אויסגעוועלט צו אויפגעבן אויף די געוואלדיגע זכי' פון זיין א טייל פון די געהויבענע פאמיליע, די הייליגסטע מענטשן פון די וועלט.

## אדורכלאזן געלעגנהייטן

איך געדענק פיל יארן צוריק אין א קהלה איז געווען איינער וואס האט דערלייגט אביסל כבוד, ער איז געווארן דער צווייטער שטאפל מענטש אין די קהלה; ער האט געוואלט ווערן פרעזידענט אין די קהלה און אצינד איז ער געווארן וויצע-פרעזידענט. וואס האט פאסירט? ער איז געווארן אזוי געטשעפעט און דערפאר האט ער אינגאנצן פארלאזט די שול - ער האט זיך אוועקגעצויגן פון ברוקלין און זיך באזעצט אין קאליפארניע. וואספארא טראגעדיע!

דו קענסט נישט זיין די בעסטע? איז זיי די צווייטע בעסטע אדער די דריטע בעסטע; דאס איז אויך א געוואלדיגע הצלחה אויף די וועלט. מ'וואלט געקענט אויפטון אזויפיל גוטס אין יענע קהלה אויב ער וואלט דארט געבליבן און אנגענומען זיין ראלע צו שטיין איינס נידריגער.

עשו וואלט געקענט מיטגיין מיט אונז. צי זענען דען נישט יתרו'ס קינדער מיטגעקומען? און זיי האבן מצליח געווען! **וַיַּרְא אֶת הַקֵּינִי** - ווען בלעם האט געזען דעם קיני, דער אייניקל פון יתרו צווישן אונז, האט ער געזאגט: **אֵיתָן מוֹשָׁבֶךָ** - דאס ארט וואו דו זיצט איז א שטארקער פלאץ, **וְשִׂים בַּסֶּלַע קִנֶּךָ** - דו האסט געלייגט דיין נעסט אויף דעם שטיין (במדבר כד:כא). דאס מיינט אז דו האסט אויסגעוועלט זיך צו באהעפטן מיט די בני יעקב און אצינד ביסטו איינגענעסטעט מיט זיי אויף אייביג און אייביג. און מיר ווייסן אז "די קינדער פון יתרו זענען געזעסן אין לשכת הגזיז אין די סנהדרין" (סוטה יא.). זיי האבן נישט געמאכט דעם טעות פון עשו.

## דער נאמען אדום

דער אמת איז אז מיר ווייסן אז עשו'ס משפחה האבן קיינמאל נישט מודה געווען אז זיי זענען באגאנגען א טעות. די קינדער פון עשו האבן זיך שטענדיג אנגעהאלטן אין די טעאריע אז זיי זענען די וועלכע זענען אויסגעוועלט געווארן צו זיין די פירער און זענען אויסגענארט געווארן דורך זייער כיטרער פעטער יעקב.

מיר קענען דאס זען פון זייער נאמען. זיי האבן זיך גערופן 'אדום', די רויטע. פארוואס האבן זיך די קינדער פון עשו גערופן אדום? וועט מען ענטפערן אז עס שטייט אין חומש אז דאס איז דערפאר ווייל עשו איז איין טאג אהיימגעקומען הונגעריג און ווען ער האט געזען אז יעקב קאכט רויטע לינזן, א רויטע זופ, האט ער געזאגט, "**הַלְעִיטֵנִי נָא מִן הָאָדֹם הָאָדֹם הַזֶּה** - געב מיר פון די רויטע רויטע זופ." **על כן קרא שמו אדום** - און דערפאר איז זיין נאמען גערופן געווארן אדום.

אבער צי לייגט זיך אויפ'ן שכל אז עשו'ס קינדער זאלן זיך אויף אייביג רופן מיט אזא נישט בכבוד'יגער נאמען וואס דערמאנט אז זייער זיידע איז אמאל געווען אזוי לייכטזיניג צו פארקויפן זיין בכורה פאר א

שיסל זופ? וואספארא בזיון קען דען זיין גרעסער ווי דאס? זיך רופן 'די רויטע לינזן מענטשן'?! זיי וואלטן געדארפט פראבירן איגאנצן צו פארגעסן פון דעם אינצידענט אנשטאט עס צו פאראייביגן דורך זיך רופן מיט דעם נאמען.

## אדום'ס סוף

דער ענטפער איז אז זיי האבן זיך נישט גערופן אדום צוליב די רויטע זופ. דאס איז דער טעם אין די תורה אויף דעם נאמען - די תורה דערציילט אונז די אמת'ע סיבה פארוואס זיי האבן באקומען דעם נאמען. דער באשעפער האט זיי געגעבן דעם נאמען אלס א געדענק-צייכן אויף דער מענטש וואס האט מסכים געווען צו אויפגעבן אויף זיין צוקומפט פאר א שיסל פון רויטע לינזן; צוליב א תאוה פון א מינוט געבט ער אלעס אוועק - דאס איז אדום.

אבער דאס פאלק אדום האט געהאט אנדערע געדאנקען. זיי האבן זיך גערופן אדום ווייל '**ויצא הראשון אדמוני**' - עשו איז ערשט ארויסגעקומען און איז געווען רויט. ערשט און רויט! צו זיי איז דאס געווען א באווייז אז עשו איז דער פירער. ער איז געווען רויט - א צייכן פון מאכט און כח - ווייל ער איז געווען דער אויסדערוועלטער דורכ'ן באשעפער צו זיין דער פירער. די אדמונים האבן קיינמאל נישט געטראכט עפעס אנדערש. די מעשה פון די רויטע זופ האבן עשו'ס אייניקלעך אפילו נישט געוואוסט. צו זיי זענען זיי די אדמונים נישט ווייל זיי זענען דאס 'רויטע לינזן פאלק' נאר ווייל זיי זענען די מעכטיגע, די פירער.

זיי האבן נישט געוואלט מקבל זיין זייער ראלע און דערפאר זענען זיי אינגאנצן פארשניטן געווארן. **ואבדתם בגוים**; דאס איז וואס עשו האט געטון. ער איז פארלוירן געווארן צווישן די גוים. דאס מיינט אז 'אדום' באדייט די מעשה פון א מענטש וועלכער האט אויפגעגעבן זיין גרויסקייט וואס ער וואלט געקענט דערגרייכן צוליב דעם וואס ער האט נישט אנערקענט זיין תפקיד אויף די וועלט.

# חלק ב. עשו'ס ראלע

## א געלעגנהייט אין היסטאריע

איך האב שוין אמאל דערציילט ווי אזוי הגאון רבי ישראל סאלאנטער זצ"ל האט געמאכט גרויסע פלענער ווי אזוי צו משפיע זיין תורה איבער די וועלט; רבי ישראל איז געווען פול מיט גוטע עצות. אלזא, ווען ער האט געהערט אז סיר משה מאנטיפיארי, דער גרויסער פילאנטראפ פון ענגלאנד, קומט באזוכן קיין רוסלאנד, האט רבי ישראל געטראכט אז דאס א גלענצנדע געלעגנהייט פאר די וועלט, ווייל סיר משה מאנטיפיארי האט געהאט אלעס וואס האט געפעלט פאר רבי ישראל. ער האט געהאט געלט און כבוד און גוטע פארבינדונגען - אלעס וואס רבי ישראל וואלט געדארפט האבן צו אויספירן זיינע פלענער צו ברענגען דאס אידישע פאלק צוריק צום באשעפער.

פון צווייטן זייט האט רבי ישראל פארמאגט אלעס וואס סיר משה מאנטיפיארי האט נישט געהאט. רבי ישראל סאלאנטער איז געווען א גדול בתורה, א גרויסער חכם, און ער האט געהאט א קלארן בליק אויף וואס ער וויל און אויך א גרויסן קאפ צו קענען אויסארבעטן זיינע פלענער. אלזא, האט רבי ישראל געטראכט אז אויב ער זאל זיך קענען צוזאמקומען מיט סיר משה מאנטיפיארי, וועט ער אים קענען העלפן צו איבערדרייען די וועלט. זיי וועלן קענען צוריקברענגען דאס גאנצע אידישע פאלק צו תורה און ווער ווייסט וואס נאך זיי וועלן קענען אויפטון - צוזאמען וועלן זיי קענען מקרב זיין די גאולה. [די לעצטע ווערטער האב איך צוגעלייגט, רבי ישראל האט נישט געזאגט 'מקרב זיין די גאולה'.]

האט רבי ישראל געמאכט עטליכע פרואוון זיך צו טרעפן מיט סיר משה מאנטיפיארי, אבער לא מסתייעא מלתא, עס איז נישט געשען. סיר משה מאנטיפיארי האט געהאט א סעקרעטאר, א דייטשער איד, דר. לעווי, וועלכער האט געהאט זיינע אייגענע בליקן אויף די רוסישע אידישע גדולים און זיינע אייגענע אפשאצונגען ווער עס זענען די אמת'ע פירער פון דאס אידישע פאלק; ווער עס דארף העלפן וועמען, און דערפאר איז דער שידוך קיינמאל נישט צושטאנד געקומען. רבי ישראל האט זיך נישט געקענט טרעפן מיט סיר משה מאנטיפיארי.

דאס איז איינע פון די גרויסע טראגעדיעס פון אונזער היסטאריע; א טראגעדיע פון איגנארירן די לערע פון ורב יעבד צעיר. רבי ישראל סאלאנטער האט אויפגעטון געוואלדיגע זאכן און אויך סיר משה מאנטיפיארי האט זיכער געטון גוטע זאכן, אבער וואס זיי וואלטן געקענט טון אינאיינעם וואלט געקענט טוישן דעם גאנג פון די געשיכטע.

אויב סיר משה מאנטיפיארי וואלט אנערקענט וואס זיין אמת'ע ראלע איז ערווארטעט צו זיין, וואלט ער געקומען צולויפן צו רבי ישראל; ער וואלט זיך געזעצט צו רבי ישראל'ס פיס און אים געפרעגט וואס ער זאל טון ווייטער. אבער דאס איז קיינמאל נישט געשען צוליב איינער וועלכער האט נישט אנערקענט זיין ראלע אין די וועלט - די ראלע פון זיין א העלפער, א געהילף, צו די וועלכע זענען גרעסער פון אים.

## די מעשה פון אנטונינוס

און דאס ברענגט אונז צוריק צו עשו און זיין טראגישער ווידערווילן צו מקבל זיין זיין ראלע. דער אמת איז אז זענען געווען געוויסע צייטן אין די היסטאריע ווען עשו'ס קינדער האבן יא אנגענומען די ראלע פון ורב יעבד צעיר און זיי האבן מצליח געווען בלויז צוליב דעם. אויב מיר קוקן אריין אין די געשיכטע, קענען מיר טרעפן צייטן, איינצלנע פעלער, וואו די אייניקלעך פון עשו האבן ערפילט זייער ריכטיגע ראלע.

מיר וועלן ברענגען איין ביישפיל כדי מיר זאלן עס גוט פארשטיין, און דאס איז די נאבעלע מעשה פון א רוימישער הערשער, אנטונינוס דער ערליכער. ער האט געשריבן א בוך - מ'קען עס נאך טרעפן אין ביבליאטעק - ס'איז היינט געשריבן אויף ענגליש; עס רופט זיך 'געדאנקען פון מרקוס אורליוס'. ס'איז א מוסר ספר.

די געשיכטע פון אנטונינוס איז א פאל פון אן עשו וואס האט ערפילט זיין תפקיד; א רוימישער הערשער וועלכער האט זיך אונטערגעווארפן אונטער א תורה'דיגער מנהיג. כאטש וואס מערסטנס טייל פון דאס רוימישע פאלק שטאמען נישט דוקא פון אדום, אבער לויט אונזער מסורה האבן די העכערע קלאס פון די הערשער יא געשטאמט פון אדום; דאס מיינט אז אנטונינוס איז געווען אן אור-אייניקל פון עשו.

## א שטורמישע צייט

אצינד, הערט די מערקווירדיגע מעשה. אין די טעג נאך די מלחמה אין ביתר זענען די רוימער געווען זייער בייז אויף דאס אידישע פאלק און זיי האבן זיך גענומען ארויסגעבן פיל גזירות קעגן די אידן וועלכע זענען פארבליבן אין ארץ ישראל. צי געדענקט איר ווי אין א תקופה פון זיבן יאר האבן די רוימער נישט געלאזט די אידן באערדיגן די מתים? טויזנטער אידן וועלכע זענען גע'הרג'ט געווארן נעבן ביתר זענען ארומגעלעגן אפן פאר זיבן יאר! און רבינו הקדוש, רבי, איז אויפגענומען געווארן צו פארן קיין רוים צו שתדל'ן ביי די רוימישע הערשאפט אז זיי זאלן בטל מאכן די גזירות.

אין יענע צייט ווען רבי האט זיך געפונען אין רוים און זיך געטראפן מיט די שרים, איז ער געקומען אין

פארבינדונג מיט א קלוגער יונגער רוימער מיט'ן נאמען מרקוס אורליוס, וועלכער איז געווארן זייער איבערגענומען פון רבי'ס פערזענליכקייט, פון זיין כאראקטער און געוואלדיגע חכמה; ער האט געשעצט רבי אן קיין גרעניץ.

פיל יארן שפעטער, ווען דער דאזיגער מאן איז געווארן דער רוימישער הערשער - דאס איז געווען דער קייזער אנטונינוס - איז ער געווארן א תלמיד פון רבי. ווי אזוי האט דאס פאסירט? די רוימישע קייזערס האבן געהאט אן אפרו ארט אין קיסריה אין ארץ ישראל. דאס איז געווען א רוימישע שטאט; אידן האבן דארט אויך געוואוינט אבער ס'איז געווען א גוי'שע שטאט און אנטונינוס האט אויסגעוועלט דארט צו גיין אויף אפרו. און ער האט געהאט א סיבה דערצו. דאס איז געווען ווייל ער האט געוואלט קומען אין פארבינדונג מיט זיין אלטן פריינד וועמען ער האט אזוי געשעצט, רבינו יהודה הנשיא.

## דער אונטערערדישער טונעל

דורכאויס די מלחמה מיט ביתר האבן די אידן געבויעט פיל טונעלן אונטער די ערד, אין אלע געגנטער; זיי האבן גענוצט פארטיזאנישע טאקטיקן צו אפשלאגן די רוימישע ארמייען. זיי האבן געהאט געהיימע וועגן פון דורכגיין דורך טונעלן וואס האבן זיך געצויגן לענגאויס די לאנד און פלוצלינג ארויסקומען און אטאקירן די איבערראשטע רוימישע סאלדאטן. נאך די מלחמה זענען די טונעלן מער נישט גענוצט געווארן אבער זענען פארבליבן אונטער די ערד אומבארירט.

איין אזא טונעל האט זיך געצויגן פון אונטער דעם פאלאץ פון אנטונינוס אין קיסריה ביז די וואוינונג פון רבינו הק'. דורך דעם טונעל פלעגט אנטונינוס קומען באזוכן רבי יעדע נאכט. אודאי האט קיינער נישט געמעגט וויסן פון די פארבינדונג וואס איז געווען צווישן זיי ווייל אויב די רוימער וואלטן געוואוסט אז זייער קייזער טוט זיך אונטערטעניגן אונטער די חכמי התורה וואלטן זיי אים זיכער גע'הרג'ט. א רוימישער קייזער האט געדארפט זיין אכזריות'דיג צו די אידן - דאס איז געווען זייער פרינציפט - און אויב זאל מען וויסן אז ער איז פריינטליך מיט א אידישער פירער, אויב וועט מען אויסגעפינען אז ער איז געטריי צו דאס אידישע פאלק, אז ער שעצט זיי און שטיצט זיי, וואלטן זיי אים גלייך ערמארדעט. און דערפאר האט דאס אנטונינוס געטון אין גרעסטן געהיים; עס איז געווען א סוד וואס קיינער אויסער די חכמי התורה האבן עס קיינמאל נישט געהערט.

## פולשטענדיגע אינטערטעניגט

די חכמים (עבודה זרה י:) דערציילן ווי אזוי עס איז צוגעגאנגען: יעדן טאג האט אנטונינוס דורכגעשפאנט דורכ'ן טונעל צו קומען באזוכן רבי און ער פלעגט אים סערווירן עסן און ווייַן ביים טיש, פונקט ווי א באדינער. און ווען רבי האט געוואלט ארויפגיין אויף זיין בעט פלעגט זיך אנטונינוס אראפבייגן פארנט פונעם בעט ווי א פוסבענקל און געזאגט, "רבי, ביטע טרעט ארויף אויף מיר צו ארייינגיין אין בעט." האט רבי געזאגט, "אבער עס איז נישט קיין דרך ארץ; ס'איז נישט ריכטיג אזוי זיך אומצוגיין מיט א קעניג. אפילו דו ביסט נישט אונזער קעניג אבער דאך דארפן מיר מכבד זיין דעם קייזער."

האט אנטונינוס געזאגט צו רבי, "אויב וואלט איך נאר געקענט זיין דיין מאטראץ אויף יענע וועלט." דאס מיינט, "איך וויל בלויז זיין אונטער דיר, דיר באדינען - איך פארשטיי מיין ראלע אין לעבן!"

אנטונינוס האט געפרעגט פון רבי, "וועל איך האבן עולם הבא?" און ווען רבי האט אים פארזיכערט אז יא, האט אנטונינוס געפרעגט, "אבער צי שטייט דען נישט געשריבן **וְלֹא יִהְיֶה שָׂרִיד לְבֵית עֵשָׂו** - אז עס וועט גארנישט פארבלייבן פון דאס הויז פון עשו?" דאס מיינט אז דאס גאנצע פאלק פון אדום וועט צום סוף פארלוירן גיין. עס וועט גארנישט איבערבלייבן אויף די וועלט פון זיי; זיי וועלן גענצליך

אפגעמעקט ווערן. אבער דער פסוק באדייט מער ווי דאס; נאך ערגער ווי דאס. נישט נאר אויף די וועלט! אויך אויף די קומענדיגע וועלט וועט גארנישט פארבלייבן פון עשו - דאס איז די גרעסטע טראגעדיע. דערפאר האט אנטונינוס געפרעגט פון רבי: "ווי אזוי קענסטו זאגן אז איך וועל האבן עולם הבא? איך בין דאך פון דאס הויז פון עשו; איך שטאם פון עשו!"

האט אים רבי געזאגט, "דאס איז נאר **בעושה מעשה עשו** - אויב דו פירסט זיך ווי עשו." דאס מיינט אז אויב דו טוסט זיך אפזאגן פון דיין ראלע צו העלפן יעקב. אויב גייסטו אין די פיסטריט פון דיין זיידע עשו, דאן איז עס ריכטיג אזוי. אבער אויב דו ערפילסט דיין תפקיד וועסטו זוכה זיין צו עולם הבא; אויב טוסטו ערפילן דיין ראלע אויף די וועלט, דאן וועסטו געניסן פון עולם הבא אויף אייביג.

## א געוואלדיגע אונטערנעמונג

אלזא הערט צו וואס איז ארויסגעקומען פון עשו ווען ער האט אויסגעפירט זיין ראלע אויף די וועלט. דאס אידישע פאלק איז אין יענע צייטן געווען אין א גרויסן געפאר. מען האט געוואוסט אז צו לאנג וועלן זיי שוין נישט פארבלייבן אין ארץ ישראל. די רוימער האבן איבערגענומען די מאכט — דער בית המקדש איז חרוב געווארן און זיי זענען פארשיקט געווארן אין גלות. וואס וועט יעצט פאסירן צו דאס אידישע פאלק? עס איז געווען זייער א וואקלדיגע תקופה און דערפאר האט רבי פארשטאנען אז עס איז געקומען די צייט צו טון למעשה און אוועקשטעלן די חתימת המשנה; צו אראפשטעלן דעם גאנג אין משניות אלס דער יסוד פאר תורה שבעל פה אויף אייביג.

היינט האבן מיר א פארטיגע משניות; עס זעט אונז אויס א פשוט'ע זאך. רבי יהודה הנשיא האט געמאכט אן אסיפה מיט די חכמים, וואו מען האט אינאיינעם באשטימט איז פון היינט אן איז די משנה פארמאכט. זיי האבן געמאכט דערביי פארשידענע תיקונים אין די משניות און עס פארמאכט; זייער פשוט - עס איז פארענדיגט.

אבער אייגנטליך איז עס גארנישט אזוי פשוט געווען. רבי האט געזאגט, "די צייט איז געקומען וואס מיר דארפן עפעס טון מיט די משניות אבער איך קען נישט דינען אלס נשיא און צוזאמרופן די חכמים ווייל רוים ערלויבט נישט צו מאכן א סנהדרין." די רוימער האבן דאס נישט ערלויבט, זיי וואלטן עס באטראכט ווי א מרידה. און אן א נשיא, אן א סנהדרין, האט רבי נישט דעם כח וואס מען דארף האבן צו טון אזא זאך.

פארוואס זאלן כלל ישראל, אלע ווי איינער, אים פאלגן? צי ווייסט איר אז אין די זעלבע צייט וואס רבי האט געוואלט פאר'חתמ'נען די משניות, איז געווען א ריזיגע אידישע געמיינדע, א תורה'דיגע געמיינדע, אין בבל. וועלן זיי קענען זאגן, "פארוואס זאלן מיר פאלגן רבי? פארוואס זאלן מיר דארפן הארכן די חכמי ארץ ישראל און באשטימען אז די משניות איז פארמאכט אדער אננעמען זייער לעצטער אויסשטעל פון די משניות? פונקט ווי די משניות איז אנגעגאנגען ביז היינט פאר הונדערטער יארן אנגעהויבן פון די אנשי כנסת הגדולה און מען האט נאכאנאנד צוגעלייגט דיעות אין יעדן דור פון די חכמים, אזוי קענען מיר ווייטער פארזעצן צו טון. פון וואו האט דען רבי יהודה באקומען אזא מאכט, אזא אויטאריטעט, צו מאכן אזא דעצידירנדער באשלוס פאר אלע שפעטערדיגע דורות אז די משנה איז פארמאכט?!"

## א געוואלדיגע דערגרייכונג

דער ענטפער איז, דורך עשו! ווייל פון וואו האט רבי באקומען זיין כח און זיין גרויס עשירות? פון זיין תלמיד אנטונינוס, דער רוימישער קייזער; עס איז געווען די שטיצע פון אנטונינוס וואס האט דאס

ערמעגליכט. עס איז געווען א באהאלטענע שטיצע, אבער דאס איז וואס דאס אידישע פאלק האט געדארפט. אנטונינוס האט געמאכט אז רבי זאל ווערן אזוי אויסטערליש רייך און אזוי, אין צוגאב צו דעם וואס ער איז געווען דער גרעסטער פון די חכמים, האט ער אצינד פארמאגט די גרעסטע מאכט ביים אידישן פאלק.

אנטונינוס האט געגעבן פאר רבי שטארקקייט, וואס דורכדעם האט רבי זיך געררוקט פאראויס מיט זיין פלאן. ער האט געוואוסט אז דער רוימישער קייזער שטיצט אים באהאלטענערהייט, אז די אוצרות פון די גאנצע רוימישע אימפעריע שטיצט אים. ער האט קיינמאל נישט געדארפט זיך באניצן מיט קיין רוימישע מיליטער לייט אים צו העלפן, אבער אנטונינוס האט אים געזאגט, "דו גיי ווייטער צו אויספירן דיין רצון און איך וועל דיר באשיצן." און דאס איז געווען גענוג.

רבי האט צוזאמגערופן אן אסיפה פון אלע חכמי ישראל און די רוימער האבן גארנישט געטון; זיי האבן נישט געקענט, ווייל דער קייזער האט זיי שטילערהייט געזאגט, "שטערט זיי נישט." די גרויסע תורה מנהיגים זענען געקומען פון בבל, פון מדי; פון איבעראל זענען זיי זיך צוזאמגעקומען אונטער די אנפירונג פון רבי און זיי האבן געוואויגן און געמאסטן יעדע ווארט און באשטימט ווען עס זאל זיין א סתם משנה, און ווען עס זאל זיין א מחלוקת. זיי האבן אריינגעשטעלט אלע רייד פון די חכמים וואס זענען צוגעלייגט געווארן, אנגעהויבן פון יבנה און ווייטער, און זיי האבן עס גוט אויסגעשלייפט און באשטימט דעם ענדגילטיגן לשון פון די משנה.

זיי זענען זיך צוזאמגעקומען אלע ווי איינער און ארויפגעלייגט זייער חותם אויף די משנה אויף אייביג - פון יעצט אן קען קיינער נישט צולייגן קיין איין ווארט צו די משנה.

דערפאר, איז עס צוליב אנטונינוס אז מיר האבן היינט צוטאגס א משניות. דאס האט אונז געראטעוועט! אויב רבי וואלט דאס נישט געטון וואלטן מיר היינט געווען אזא אומארגאניזירטע פאלק. עס וואלטן געווען אזויפיל נוסחאות אין הלכה. אפילו היינט, מיט די משנה, זענען דא אזויפיל פארשידנארטיגע דיעות אבער אויב וואלטן מיר נישט געהאט איין פאראייניגטע משנה, ווער ווייסט וואס עס וואלט געווען?!

און דער וועמען עס איז צו פארדאנקען פאר אונזער רעטונג איז אנטונינוס! עשו האט געדינט צו יעקב און אזוי האט דאס אידישע פאלק איבערגעלעבט. צוליב די אונטערטעניגונג פון אנטונינוס איז ארויסגעקומען אזא געוואלדיגע דערגרייכונג.

אט זעען מיר וואס איז אויפגעטון געווארן ווען עס איז געווען ורב יעבד צעיר, ווען עשו האט מסכים געווען צו זיין אונטערטעניגט, צו העלפן און דערביי אויפטון דאס וואס וואלט געווען אוממעגליך אן זיין הילף.

דאס איז וואס וואלט געקענט פאסירן דורכאויס די היסטאריע. ווער ווייסט וואספארא גרויסע דערגרייכונגען וואלטן געקענט אויסגעפירט ווערן אויב די וועלכע דער באשעפער וויל אז זיי זאלן ערפילן זייערע ראלעס אלס העלפערס, וואלטן צוגעשטימט צו זיין אונטערטעניגט.

# חלק ג. פארשטיין ראלעס

## אין אונזער אייגן לעבן

אלזא, דאס צו פארשטיין אין א מער פראקטישן זין וועלן מיר זיך דארפן אביסל אנשטרענגען און נישט סתם עס אריבערמישן און זאגן אז עשו איז געווען א זינדיגער און אזוי ווייטער. עס איז דא פיל

מער דערצו ווי דאס. מיר דארפן וויסן אז די תורה האט געשריבן די מעשה פון עשו מיט א תורה'דיגער ציל, צו לערנען א לימוד וואס איז נוגע פאר אונזער אייגענע לעבן.

און דאס ברענגט אונז צו אונזער נושא, ווייל דורכאויס אונזער לעבן מאכן זיך זייער פיל ענליכע סיטואציעס צו דער עפיזאד פון עשו וואס שאקלט זיך אפ פון זיין ראלע. איינע פון די וויכטיגסטע לערעס וואס מיר דארפן לערנען פון דעם טעות פון עשו איז צו מאכן ניצן פון די פארשידנארטיגע ראלעס וואס דער באשעפער געבט אונז אויף די וועלט, צו אנערקענען אז פאר פיל מענטשן ליגט זייער גרויסקייט נישט אין זיין א פירער נאר אין העלפן דעם פירער.

פיל גוטע מענטשן וואס וואלטן געדארפט אויסשטייגן גרויס דורך העלפן אנדערע, אבער אנשטאט דעם פראבירן זיי צו זיין קליינע הויפט רבנים - איר וועט זיין איבערראשט וויפיל אידן פראבירן היינט צו אנקומען צו דעם שטאנד און דאס מיינט אז זיי טוען נישט אויף וואס זיי וואלטן געקענט ווייל זיי מאכן דעם זעלבן טעות ווי עשו האט געמאכט.

## רבנים און גדולים

אט איז א קליינער רב וואס איז לעצטנס אויפגענומען געווארן דורך ישיבה אוניווערזיטעט — די טינט איז נאכנישט אויסגעטריקנט אויף זיין סמיכה און ער קומט ארויס צו פירן די וועלט. הרב פאול גרינבערג ; ער האט א שנאלץ, א גאלדענער האנט זייגער און א גוי'שער נאמען און אזוי שטעלט ער זיך אהער אלס א פירער פון דאס אידישע פאלק.

אלזא, אום ערב ראש השנה לאזט רבי פאול ארויס א רוף צו דאס אידישע פאלק צו תשובה טון — ס'איז אין די צייטונגען: "רבי פאול רופט די אידן זיך אומצוקערן צום באשעפער." צי זענען נישטא גענוג ראשי ישיבה אז מיר דארפן אנקומען צו רבי פאול צו פירן דעם וועג?! דורך א רעקלאמע האט ער זיך ארויסגעשטעלט אלס הויפט רב פון דאס אידישע פאלק.

אדער עפעס אן אנדערער קליינער מענטש וועלכער האט לעצטנס גראדואירט און יעצט איז ער ערוועלט געווארן אלס רב פון א קהילה אין קווינס. ער לייגט אריין א גרויסע רעקלאמע אין די צייטונגען איינטיילנדיג פאר די ראשי ישיבות, די חכמי התורה, ווי אזוי זיי זאלן זיך פירן אין א געוויסן כלל ענין.

וואספארא פארלוסט! דאס זענען מענטשן מיט קוואליפיקאציעס, מיט טאלאנטן און זיי לאזן עס פארפאלן גיין ווייל זיי ווילן זיין פירערס. ווי גוט וואלט געווען ווען אזא מענטש וואלט געקומען צו די תורה'דיגע מנהיגים און געזאגט, "וואס קען איך טון אייך צו העלפן?" דאס איז וואס זיי דארפן טראכטן: "ווי אזוי קען איך אויספירן דעם ורב יעבד צעיר און מצליח זיין אויף די וועלט?"

## קטנים זענען די מערהייט

און עס זענען דא זייער פיל אזעלכע. טייל האבן נישט די געלט צו רעקלאמירן אבער אין די טיפעניש פון זייערע הערצער איז עס די זעלבע זאך. איך האב געהאט א שמועס מיט איינעם פון זיי, א פריש אויפגענומענער 'רב'. ער זאגט, "הרב מיללער, איר האלט אז מיר דארפן נאכגיין די ראשי ישיבה ווי בלינדע שאף?!" האב איך געענטפערט, "זיכער! מיר מוזן, ווייל מיר זענען בלינדע שאף. איך בין אויך א בלינדע שעפעלע און איך מוז נאכגיין די גדולי ישראל; און איר זענט דרייסיג יאר יונגער ווי מיר, איז זיכער דארפט איר נאכגיין די גדולי ישראל." אבער נישט נאר נאכגיין - מיר דארפן זוכן אופנים צו ערפילן אונזער ראלע פון זיין זייערע העלפערס.

האט מיר יענער קליינער גדול געענטפערט, "איך בין ערצויגן געווארן נישט צו פאלגן." ער שעמט זיך נישט צו זאגן אזא זאך. ער איז אזוי ערצויגן געווארן? דאן איז דא עפעס זייער נישט גוט אין זיין חינוך.

און דער פאקט איז אז עס זענען דא זייער פיל אידן וואס האבן דאס קיינמאל נישט געלערנט. דאס איז די מזרחי פארטיי - די מזרחי האבן קיינמאל נישט געלערנט אז עס איז דא אזא זאך ווי פאלגן גדולים. און אפילו זייערע אייגענע אזוי גערופענע גדולים פאלגן זיי נישט.

אבער דער אמת איז אז מיר דארפן נישט טייטלען קיין פינגערס אויף אנדערע - בעיקר דארפן מיר אריינקוקן אין זיך אליין. מיר דארפן אנערקענען אז נישט יעדער איז א גדול; מערסטנס פון אונז זענען קטנים. פיל מענטשן ווערן נישט געבוירן צו זיין פירער; נישט שלעכט - נישט יעדער איז באשאנקען געווארן אזוי. אבער וואס זענען מיר? עס זענען דא אזויפיל מענטשן וואס אנשטאט צו ניצן זייערע טאלאנטן צו באדינען די חכמי התורה, שטעלן זיי זיך ארויס איבער ענגע ארגאניזאציעס, אלס פירער פון קליינע אומאפהענגיגע באוועגונגען, אן צו פילן פאר וויכטיג צו שטיצן די אמת'ע גרויסע תורה מנהיגים.

## אונזער ראלע

יעצט, ס'איז גארנישט שלעכט אויב דו שטעלסט אליין אויף דיין אייגענע ישיבה, א קליינע קהילה אדער דיין אייגענע באוועגונג. ס'איז גארנישט שלעכט דערמיט ווייל דו קענסט האבן גוטע געדאנקען און טאלאנטן און קוואליפיקאציעס וואס אנדערע פארמאגן נישט. אבער יעדער דארף פילן די וויכטיגקייט אויך צו ניצן זיינע כוחות, מעגליכקייטן און טאלאנטן צו ארויסהעלפן די אמת'ע תורה מנהיגים פירן דאס פאלק.

מיר דארפן נאכגיין די חכמי התורה, די גרויסע ראשי ישיבות. זיי זענען די יעקב'ס. מיר זענען נישט עשו אבער מיר דארפן זיי דינען; דאס איז אצינד אונזער ראלע - מיר דארפן טרעפן וועגן און אופנים זיי צו העלפן. אונזער הצלחה קומט דורך זיין צוזאמען מיט זיי. **ושים חלקנו עמהם לעולם** - אונזער גורל זאל זיין צוזאמען מיט זיי אויף אייביג, **ולא נבוש** - וועלן מיר מצליח זיין אויףביידע וועלטן.

מיר מוזן זיצן צופיסנס פון אונזערע חכמים - "מיר" מיינט אלע פון אונז; אפילו די ערוואקסענע מענער פון זעכציג און זיבעציג יאר אלט - נישט נאר צו לערנען פון זיי נאר אויך זיי צו העלפן מיט זייערע אונטערנעמונגען; אין אלעם וואס זיי ווילן אויפטון. מיר האבן געגוג גרויסע לייט, ברוך השם - דער באשעפער זאל זיי געבן לאנגע געזונטע יארן - און מיר דארפן זיך צוהערן צו זיי. אבער ווייל יעדער וויל זיין א פירער, דערפאר ווערן זייער פיל גרויסע אויפטואונגען קיינמאל נישט אויסגעפירט.

## העלפן די רבנים

אלע קהילה מיטגלידער דארפן העלפן די רבנים; און די רבנים זאלן העלפן די ראשי ישיבה; און די ראשי ישיבה שטייען פאר די גדולי הדור און העלפן זיי אויספירן זייערע פלענער ווייל פאר מערסטנס פון אונז איז דער וועג צו הצלחה דורך העלפן די וואס זענען גרעסער פון אונז.

יעדער איד זאל טון וואס ער קען צו העלפן זיין רב מצליח זיין. היינט פאסירט אין פיל ערטער, אויב איינער ווערט א רב פון א קהילה פון הונדערט מיטגלידער, זענען דא הונדערט רבנים און איין קהילה מיטגליד. הונדערט לערערס לערנען אים וואס איז ריכטיג און וואס נישט ווייל קיינער פארשטייט נישט זיין ראלע. קיינער וויל נישט זיין א העלפער.

איך געדענק ווען מיר האבן אנגעהויבן דא פארצולערנען גמרא שיעורים, איז געווען א מענטש וואס האט זיך אנגעטראגן צו אויסטיילן רעקלאמע בלעטער אין ישיבה און אויפ'ן גאס, צו מאכן אז אנדערע זאלן וויסן דערפון. קיינער האט אים נישט געבעטן אבער ער האט געזען א געלעגנהייט פאר גרויסקייט, האט ער עס געכאפט. אלזא, ער איז נישט געווען פעאיג צו געבן דעם שיעור, אינגאנצן נישט, אבער ער האט אנערקענט וואס ער קען יא טון און ער האט עס געטון.

## דער גרינדער פון תורת אביגדור

מיר דארפן געדענקען אז די גאנצע ארגאניזאציע פון אונזערע שיעורים רעקארדירונגען האט מצליח געווען אויך נאר צוליב איין מענטש - פנחס שעלבי. ער איז געווען דער וואס האט ארגאניזירט אונזער שיעור יעדע וואך און פון גאנץ אין אנהייב איז ער געווען איבערגעגעבן צו זיין דערביי און עס מאכן ארבעטן. נישט נאר דאס, ער פלעגט קומען יעדן דאנערשטאג נאכט מיט זיין קאר מיר אפצונעמען און ברענגען אהער צום שיעור און נאך דעם שיעור האט ער מיר אהיימגעפירט. און עס האט אים געקאסט אסאך געלט, וואך נאך וואך, ווייל עס זענען געווען אויסגאבן פארמישט דערביי.

דערנאך איז עס געווען זיין איינפאל צו פארשפרייטן די טעיפס אין די וועלט. די טעיפס האבן זיך פארשפרייט דורך אים. עס איז געווען זיין געדאנק; ער האט געטראכט דערפון פאר סיי ווער און ער האט געכאפט די געלעגנהייט צו זיין א יעבד אויף די וועלט, צו שטייגן דורך זיין א העלפער.

## דער העלפער'ס ראלע

למעשה, קענען מיר נישט ענדיגן דעם שמועס אן צו רעדן איבער אביישפיל פון ביי זיך אליין; עפעס וואס איז נוגע אינדערהיים. יעדע פרוי דארף פילן אז זי וועט די בעסטע מצליח זיין אויף די וועלט דורך אויספירן איר ראלע אלס העלפער, אלס אן עזה.

א ווייב דארף פילן אז זי איז א געהילף פאר א מאן. זי דארף אים העלפן אויספירן זיינע שטרעבונגען אין תורה, זיינע אידיאלן פאר די פאמיליע, אנשטאט צו פראבירן זיין דער פירער און זיך דינגען מיט אים און פירן די שטוב לויט אירע רעכטן. אמאל איז דא א ווייב וואס פילט אז זי קען זיך נישט שיצן אונטער איר מאן'ס הנהגה; זי וויל אויך זיין א פירער. בפרט היינט זענען דא פרויען וואס פילן אז זייער ראלע פון זיין א מיידל מיט א קאריערע מוז פארזעצן אויך נאך די חתונה און דערפאר פראבירן זיי זיך אנצוהאלטן צום רעדל אין די זעלבע צייט וואס דער מאן פראבירט צו פירן דעם רעדל, און איר ווייסט וואס עס פאסירט ווען צוויי הענט פירן דעם רעדל.

וועט איר מיר פרעגן, ווי אזוי איז אזוי לייכט איבערצוגעבן די פירערשאפט פון די משפחה צום מאן? צי וועגדט זיך דען נישט ווער עס האט געוויסע קוואליפיקאציעס צו קענען פירן? דער ענטפער איז אז מיר דארפן זיך פירן לויט וואס עס שטימט מיט'ן נאטור, נישט קיין מענטשליך באשטימטע זאך. ווען איך זאג 'נאטור', מיין איך נאטור וואס קומט פון באשעפער. און לויט דער נאטור וואס דער באשעפער האט אויסגעשטעלט איז דער מאן אויסדערוועלט צו זיין א פירער. א מאן האט א בארד; א בארד מאכט די מארדע אויסזען גרעסער, עס מאכט אויסזען ווי אן אויטאריטעט. א מאן איז געוועגליך העכער ווי א פרוי. אזוי האט עס דער באשעפער געמאכט. א מאן געבט פון זיך ארויס א געפיל פון אן אויטאריטעט מער ווי א פרוי.

## א קאפיטאן און זיין קאלעגע

איבער די גאנצע וועלט — אפילו צווישן די שווארצע מענטשן אדער די עסקימאסן — וואו מען גייט זעט מען אז דער טאטע אין א משפחה איז דער פירער. און דאס איז אויך לאגיש ווייל ער האט מער פיזישער כח. אמאל דארף ער זיך שלאגן מיט זיין זוהן אין די אלטע גוטע צייטן האט די טאטע גענוצט די שטעקן צו געבן פאר זיין זוהן א פאר גוטע קלעפזי מענער זענען מער שטאלץ און הארט, בשעת פרויען זענען איידל, ווייעך און מער איינגעהאלטן ווי מענער, אין נאטור. זי האט א ווייכערע הארץ.

מ'קען נישט האבן צוויי קאפיטאנען אין איין הויז. אויב שטעלט מען צוויי קאפיטאנען אין איין שיף, דאן זוכט מען זיך פראבלעמען. פריער אדער שפעטער וועט ווערן אן אויפרייס צווישן זיי. א פרוי וואס

איז אונטערטעניגט צו א מאן א בן תורה אדער אפילו א טיילוויזער בן תורה, זאל נישט שפירן אז עס איז נישט פאר איר כבוד צו אננעמען איר ראלע אלס צווייטראנגיגע פירערין. ווען דו ווייסט אז דיין מאן איז אן אמת'ער שומר תורה ומצוות, איז עס דיין תפקיד צו זיין געטריי צו אים און אים העלפן מצליח זיין.

אודאי רעדן מיר נישט איבער קנעכטשאפט, שלעכטע באהאנדלונג אויף די ווייב. א פרוי איז די קעניגן אין איר היים. דאס איז זייער וויכטיג! "**אוקירו לנשייכו** - זיי מכבד דיין ווייב." און דער באשעפער געבט א ברכה פאר דער וואס טוט אזוי: "**כי היכי דתתעתרו** - כדי דו זאלסט ווערן רייך" (בבא מציעא נט.). דו וועסט רייך ווערן דערפאר ווייל דאס איז וואס עס קומט פאר יעדע ווייב; מער ווי דו ביסט מכבד זיך אליין, זאלסטו שעצן דיין פרוי.

אודאי קענען מיר נישט אלעמאל מאכן קיין קלארע ליניעס פון יעדן'ס ראלע און עס אננעמען אלס אזוי פשוט. מיר פארשטייען אז עס זענען דא פארשידנארטיגע אומשטענדן אין לעבן, און דערפאר, די אלע געדאנקען איבער וואס מיר האבן דא גערעדט, מוז ווערן ריכטיג צוגעפאסט, מיט שכל. אפילו אין אייראפע, געדענק איך זען פאמיליעס וואו דער מאן איז נישט געווען פאסיג פאר פירערשאפט און די ראלע איז אריבער צו די ווייב. אבער אפילו דאן ווען די מאמע איז געווען מער פעאיג, האט איר געלוינט צו איבערגעבן פאר'ן טאטן א געוויסע טייל פון די ראלע אלס הויפט פון די פאמיליע. זי האט גענוצט אירע כוחות צו זאגן פאר די קינדער, "קינדער, הערט צו וואס טאטי האט געזאגט." עס לוינט זיך, ווייל דער באשעפער האט אויסגעשטעלט דעם סיסטעם, א סיסטעם וואס פירט די מענטשהייט צו גליק. אבער אויב וועסטו זיך שטעלן ווי א קאנקורענץ, אזא שלום בית וועט צום סוף קראכן דורך די שטרויכלונגען וואס קומען אונטער אין לעבן.

## הצלחה און גרויסקייט

אבער דאס איז נישט נאר אין א שלום בית, נישט נאר אינדערהיים. אין אלע הינזיכטן פון אונזער לעבן דארפן מיר זיך לערנען א לעקציע פון דער טעות פון עשו און ערפילן אונזערע ראלעס אלס העלפערס, אלס געהילף פאר אלע גוטע זאכן.

פארשטייט זיך, אין איין פלאץ קענסטו ווערן ערוואַרטעט צו פירן בשעת אין א צווייטן פלאץ דארפסטו טרעפן וועגן צו בלייבן פון הינטערגרונד און העלפן, דינען אלס געהילף. אין איר היים ווייסט די ערפאלגרייכע ווייב ווי אזוי צו האנדלען מיט איר ראלע אלס געהילף און מצליח זיין בשעת ערגעץ אנדערש קען זי פירן. אינדערהיים קען אפשר דער מאן זיין א פירער; אין שול נישט אזוי ווייט. אבער סיי וואס עס זאל זיין, דארף מען אנערקענען די פאסיגע ראלע כדי צו זיין ערפאלגרייך. א מענטש קען דאס בעסטע ערפילן זיין ראלע אויף די וועלט ווען ער אנערקענט וואס עשו האט נישט אנערקענט.

און פאר מערסטנס פון אונז, פאר געוועגליכע פרומע אידן, איז אונזער גרעסטער שלימות אין לעבן זיך צו באהעפטן צו מענטשן וואס זענען גרעסער ווי אונז און זיי צו באדינען - דאס איז אונזער הצלחה אין לעבן; אנטיילצונעמען אין אלע גוטע אונטערנעמונגען וואס געפינען חן אין די אויגן פון באשעפער.

דאס איז א וועג ווי אזוי מיר קענען עפעס אויסשטייגן, נישט פארבלייבן א גארנישט. הצלחה מיינט נישט אז מ'דארף ווערן פאפולער; דאס איז נישט וויכטיג. גרויסקייט אויף די וועלט מיינט נישט דוקא צו אנהייבן א גרויסע באוועגונג. דו קענסט אויפטון געוואלדיגע זאכן אפילו אן צו זיין אמאל א פירער, ווילאנג דו ניצט די געלעגנהייטן צו העלפן ווי ווייט מעגליך. ווילאנג מיר לערנען די לעקציע וואס עשו האט זיך קיינמאל נישט געלערנט, אז צו זיין א העלפער קען זיין די גרעסטע דערגרייכונג אין לעבן, דאס מיינט אז מיר געפינען חן אין די אויגן פון באשעפער דורך לעבן מיט הצלחה.

# שאלות ותשובות

## מיט הגאון ר' אביגדור מיללער זצ"ל

### שאל אביך ויגדך זקניך ויאמרו לך

**שאלה:**

**צי קען דער רב ביטע ערקלערן דעם חז"ל (סנהדרין לח:) אז אדם הראשון איז געווען א כופר בעיקר?**

**תשובה:**

איך וויל אייך זאגן עפעס. אויב מיר זאלן שטיין מיט עפעס נאנט צו די דרגה פון אדם הראשון, וועלכער איז געווען "כופר בעיקר", וואלטן מיר געווען צדיקים גדולים. נאר, פאר אים איז דאס פארעכנט געווארן אלס כופר בעיקר. לויט זיינע מעגליכקייטן, איז עס באטראכט געווארן אלס כופר בעיקר.

אזוי ווי עשו, צום ביישפיל. עשו איז נישט געווען קיין רשע, ווי מיר זענען געוואוינט צו טראכטן. ווי רבן שמעון בן גמליאל האט געזאגט, "איך האב קיינמאל נישט מכבד געווען מיינע עלטערן אויף די הויכע דרגה ווי עשו הרשע האט געטון." איז די שאלה - אויב אזוי, פארוואס באטיטלט רבי שמעון בן גמליאל עשו "רשע"? אויב עשו האט מכבד געווען זיין טאטן נאכמער ווי רבן שמעון בן גמליאל, פארוואס רופט ער אים "רשע"? דער ענטפער איז אז ווען מ'נעמט אין אכט זיינע מעגליכקייטן, קען עשו אנגערופן ווערן א רשע.

ער איז געווען דער ברודער פון יעקב און דער זון פון יצחק און רבקה. און ער האט געהאט א זיידע אברהם אבינו. מיט אזעלכע עלטערן און אזא משפחה, איז פיל מער ערווארטעט פון א מענטש.

דאס דארף מען וויסן, אויב א מענטש ניצט נישט אויס די מעגליכקייטן וואס ווערן אים געגעבן, ווערט ער אנגערופן א רשע. און דערפאר, פיל מאל ווען דאס אידישע פאלק ווערט באשולדיגט און קריטיקירט, איז עס נישט ווייל זיי זענען געווען "רע". זיי זענען נישט געווען שלעכט אין די אויגן פון מענטשן. זיי זענען געווען "רע בעיני ה'"!

דער באשעפער האט אנדערע גדרים ווי אזוי ער מעסט מענטשן. און יעדער מענטש מוז אויסניצן זיינע מעגליכקייט צו ווערן מער און מער שלימות'דיג אין די אויגן פון באשעפער.

אלזא, איז אדם הראשון געווען א כופר בעיקר?! דאס זאג איך אייך, אז אויב וואלט ער געווען מיט אונז אין איין צימער, וואלט ער געווען דער גרעסטער מאמין אינעם צימער. קיינער היינט קומט נישט צו צו זיין דרגה. אפילו נישט נאנט דערצו.


**פרנס השבוע לשאלות ותשובות**

**הרב שמעון גרין שליט"א**

לרגל אירוסי בתו הכלה תחי' עב"ג החתן הבחור המו"מ בתוי"ש זאב (וואלווי) ראזענבערג נ"י

ויה"ר שהזיווג יעלה יפה בעזה"י ונזכה לראות מהם נחת לרוב